# הליכות החיים

בה״ב - במדבר | שנת תשפ״ו לפ״ק | גליון תק״ב

בס״ד ע״י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט״א
מו״ץ בשיכון סקווירא יע״א

לע״נ אאמו״ר הרה״ח ר׳ יעקב גרשון ב״ר שלמה ז״ל



**גליון זה נתנדב**

לע״נ האברך היקר שעשה צדקה וחסד בכל עת מתוך הארת פנים לכל, וקבע עתים לתורה בקביעות

מוה״ר **ישראל לייב** ע״ה ב״ר **יצחק אפרים** שי׳ **לאפשינסקי**

**שהלך לעולמו ביום ב׳ אייר העבר לדאבון לב כל מכיריו וידידיו**

הלימוד תהא לעילוי נשמתו ובגן עדן תהא מנוחתו וימליץ טוב בעד יו״ח ומשפחתו החשובה

הונצח ע״י יבלח״ט אחיו ידידינו הנדיב מתומכי המכון בכל עת ועונה **מוה״ר אברהם מרדכי הי״ו**


## הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח׳דיגע שאלות (נז)

### שיילן ירקות פאר דער סעודה

**שאלה: אין די לאנגע זומער-שבתים פלעג איך אביסל נאך דער שבת-נאכמיטאג סעודה אנגרייטן א גרינצייג-סאלאט פאר די קינדער און אייניקלעך וואס קומען עסן ביי אונז שלוש סעודות. לעצטנס האב איך געהערט ביי א שיעור אז עס איז דא אן איסור פון "בורר"** (אויסקלויבן) **אויב מען שיילט עס נישט נאענט צו שלוש סעודות. איך וואלט געווען דאנקבאר אויב מען קען שרייבן די הלכה לתועלת הרבים.**

**תשובה:** ירקות צ.ב.ש. צוויבל, קיוקאמבערס, אוואקאדא, מעג מען אפשיילן נאר נאענט צו דער סעודה, ד.ה. א האלבע שעה פאר׳ן אנהייבן שלוש סעודות (וואס דעמאלט הייסט עס נישט קיין מלאכה, נאר א "דרך אכילה").[1]

### צוגרייטן פון פאראויס די זאכן וואס מ׳דארף נישט שיילן

**עס איז אבער דא אן עצה וואס מען קען אלעמאל טון**, ווען מ׳וויל מאכן א גרינצייג-סאלאט פריער ווי א האלבע שעה פאר׳ן עסן, אז די אלע זאכן וואס מען דארף נישט שיילן, צ.ב.ש. טאמאטן, שאלאטן, סאַוער-פיקל, א.ד.ג., וואס עס איז נישטא דערביי קיין "בורר", זאל מען אנגרייטן פריער, און די זאכן וואס מען דארף שיילן זאל מען אריינמישן שפעטער אין דער האלבער שעה נאענט צום עסן.

### אפשיילן אייער פאר אן אייער-סאלאט

דאס זעלבע דארף מען אכטונג געבן ביי אן אייער-סאלאט, אז מען זאל נישט אפשיילן די אייער ביז א האלבע שעה פאר׳ן עסן.

### די הלכה בדיעבד

בדיעבד, אויב מען האט עס יא אפגעשיילט אסאך פאר׳ן עסן, איז א מחלוקת הפוסקים צי מען מעג עס עסן וויבאלד עס איז געטון געווארן אן איסור, אבער די פוסקים נעמען אן אז מען קען מקיל זיין.[2]

### אויב מען עסט יעצט אביסל

**שאלה: אויב מען עסט דערפון אביסל נאכ׳ן אפשיילן, איז עס מותר?**

**תשובה:** עס העלפט נישט אז מען עסט יעצט אביסל, נאר מען קען שיילן וויפיל מען וויל אויף יעצט (אדער אין א האלבע שעה ארום) און מען מוז זיך נישט פינקטליך אויסרעכענען, אבער מען טאר נישט מאכן א גרעסערן סאלאט וואס מען וועט זיכער נישט עסן יעצט דאס גאנצע, צוליב איסור בורר.[3]

◄

## וצויתי את ברכתי

לכבוד מכון הליכות החיים,

די וואך אין דער פרשה לערנען מיר פון מצות שמיטה. פאלגנד איז מעשה נפלא בנוגע שמיטה, וואס איז א חיזוק אין אמונה ובטחון און אקטועל אלעמאל פאר יעדן.

די מעשה האב איך געהערט פונעם רב אליין וועלכער האט אסאך געטון אין ענייני שמיטה און האט עס איבערדערציילט אין די פארלאפענע יארן פרשת בהר, ווי פאלגנד:

אין יאר תש״מ, האב איך געהאלטן א רעדע פאר אידן, צווישן זיי עטליכע פארמערס. איך האב ציטירט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה: "וכי תאמרו מה נאכל", אז איר וועט פרעגן, וואס מען וועט עסן אינעם יאר פון שמיטה, ווען מען טוט נישט קיין ארבעט - "וצויתי את ברכתי", זאגט השי״ת, איך וועל באפעלן מיין ברכה, עס וועט וואקסן גענוג, פאר שמיטה און נאך שמיטה, און עס וועט אייך גארנישט פעלן.

ווען איך האב געענדיגט די דרשה, איז צוגעקומען צו מיר א איד וועלכער האט זיך פארגעשטעלט מיט׳ן נאמען אפרים און האט מיר געפרעגט: "געערטער רב! איך האב א פעלד פון תבואה אין מיין באזיץ. צי וועט דער רב מיר צוזאגן, אז אויב איך וועל היטן שמיטה וועט אט-דער פסוק וואס דער רב האט דערמאנט ביי מיר מקויים ווערן?"

איך בין געווען איבערראשט פון דער פראגע און כ׳האב אים געענטפערט, אז אזוי שטייט אין פסוק. "איך הער," זאגט ער מיר. "איך האב ביז היינט נאך קיינמאל נישט געהיטן שמיטה, און עס איז מיר א שווערע זאך דאס צו באווייזן, וויל איך וויסן, צי דער רב קענט מיר דאס צוזאגן מיט א פול מויל, אז דער פסוק וועט פארווירקליכט ווערן ביי מיר אן קיין צווייפל."

"וואס פלאנט איר צו טון אינעם שמיטה-יאר?" פרעג איך דעם איד.

"איך וועל לערנען," זאגט ער, "און טון אביסל שטוב-ארבעט אויך, אבער אין פעלד וועל איך נישט ארבעטן."

"לאמיר אייך זאגן," האב איך אים געזאגט. "אין די צייטן וואס דאס בית המקדש איז געשטאנען, איז מצות שמיטה לכל-הדעות געווען מן התורה

### מדור זה נתנדב

ע"י ידידנו הנכבד העומד לימיננו לזכות את הרבים
הרה"ג ר' **פרץ שטיינבערג** שליט"א
מח"ס פע"ח על הרמב"ם
**לכבוד יום הבהיר ל"ג בעומר**
יהי רצון שיזכה לכל ההשפעות והאורות, ולרוות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו"ח מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

### אנגרייטן דורך א גויטע

**שאלה: אויב א גויטע מאכט דעם סאלאט, צי מעג מען איר בעטן צו שיילן די ירקות מער ווי א האלבע שעה פאר דער סעודה?**

**תשובה:** עס איז אסור אויך דורך א גוי.

### אנגרייטן פאר א גרויסן ציבור

**שאלה: אויב מען גרייט אן שלוש סעודות פאר א גרויסן ציבור און עס נעמט מער ווי א האלבע שעה דאס אנצוגרייטן, צי קען מען אפשיילן די ירקות פריער ווי א האלבע שעה?**

**תשובה:** מען קען אנהייבן אביסל פריער לויט וויפיל צייט עס פעלט אויס אז עס זאל זיין גרייט ווען מען וואשט זיך צו שלוש סעודות, צ.ב.ש. אויב עס נעמט א שעה עס אנצוגרייטן, קען מען אנהייבן אנגרייטן איין שעה פאר שלוש סעודות.[4]

### גרינצייג וואס מען קען עסן די שאלעכץ

**שאלה: גרינצייג וואס מען קען עסן די שאלעכץ דערפון, צ.ב.ש. די סארט קיוקאמבערס אדער רעטעך, אבער איך וויל עס יא אפשיילן, צי מעג איך עס שיילן אסאך פאר'ן עסן, אדער וויבאלד איך וויל נישט די שאלעכץ איז דא אן איסור בורר?**

**תשובה:** עס איז דא דערין א מחלוקת הפוסקים, און להלכה זאל מען עס שיילן נאר נאענט צו דער סעודה.[5]

## געמאכט א קליינעם קריץ אין קאר

**שאלה: איך האב בטעות אריינגעקראכט אינעם "באַמפער" פון א צווייטנ'ס קאר. מיר זענען ביידע ארויסגעקומען און געזען אז עס איז נישטא קיין שום שאדן, אבער יענער איז נישט געווען צופרידן און האט אנגעהויבן זוכן און זוכן, ביז ער האט געטראפן עפעס איין קריץ. זאג איך אים, "אויב דאס שטערט דיר, לאמיר גיין צו א בעל-מלאכה און פרעגן וויפיל עס קאסט אפצופארבן דעם קריץ."**

**מיר זענען ביידע געגאנגען, און דער מעכאניקער איז ארויסגעקומען קוקן דעם קריץ, אבער האט גארנישט געטראפן. "בייג זיך אראפ אביסל מער," האט יענער אים געזאגט, ווייזנדיג מיט'ן פינגער מער אונטן פון קאר, "וועסטו זען דעם קריץ." דער בעל-מלאכה האט זיך גענומען לאכן, זאגנדיג אז עס איז ממש א שאד דאס**

◄

המשך

- און דער פסוק האט געגעבן דעם צוזאג וואס איז מקויים געווארן מיט א פשטות. היינט, ווען מיר זענען ליידער אין גלות, איז א מחלוקת הפוסקים צי מצות שמיטה איז מן התורה, אדער נאר מדרבנן. דערפאר, איידער איך וועל אייך געבן אן ענטפער, לאמיר דאס איבעררעדן מיט עלטערע פוסקים און זען צי מען קען אזוינס צוזאגן."

איך האב איבערגערעדט די פראגע מיט איינעם פון די גדולי הפוסקים, און זיין תשובה איז געווען, "ניין, איר קענט אים נישט צוזאגן, ווייל עס זענען דא וואס האלטן אז די הבטחה פונעם פסוק איז נאר אין א צייט וואס אלע אידן וואוינען אין ארץ ישראל, 'איש תחת גפנו ותאנתו' - און לאמיר שוין נאכאמאל זוכה זיין דערצו בקרוב. - איר קענט זיך אבער מתחייב זיין," האט ער מיר געזאגט, "אז השי"ת וועט אים העלפן און ער וועט זען סייעתא דשמיא."

איך האב אנגערופן דעם איד און אים געזאגט, "איך האב דאס איבערגערעדט, און איך זאג דיר די איין זאך, אז דו וועסט נישט דערלייגן פון היטן שמיטה."

ער איז געווען צופרידן פון דעם ענטפער און האט גענומען אויף זיך צו היטן שמיטה מיט מסירת נפש. אויב עס זענען אים נישט גענוג געווען די שוועריגקייטן פון היטן שמיטה זעלבסט, האט ער געהאט אויסצושטיין בזיונות פון זיינע באקאנטע וועלכע זענען געווען ווייט פון א תורה'דיג לעבן און האבן רעאגירט מיט ביטול צו זיין נייעם וועג צו היטן שמיטה, און דאס האט אים אוודאי נישט צוגעגעבן קיין חיזוק.

ווען די ארבעטער פון אנדערע פעלדער האבן געזען אז ער האלט זיך צוריק פון באארבעטן זיין פעלד, זענען זיי געקומען צו אים און געפרעגט צי זיי קענען דינגען פון אים זיינע טראקטארן און אנדערע כלים. ער האט מיר אנגעפרעגט צי ער קען עס זיי פארדינגען, האב איך אים געענטפערט, "ניין, מען קען עס זיי נישט פארדינגען, ווייל מען טאר נישט גורם זיין אז אנדערע זאלן נכשל ווערן מיט אן עבירה." אויך דעם נסיון איז ער בייגעשטאנען און האט אפגעזאגט די געלעגנהייט, וואס ער וואלט געקענט דערפון כאטש עפעס פארדינען.

דורכאויס דעם גאנצן שמיטה-יאר איז אפרים געזעסן אין בית המדרש און געלערנט לאנגע שעה'ן, מיט א גרויס פרייד האבנדיג די זכי' צו טון דעם רצון ה'. עס איז אריבער דאס שמיטה-יאר. איין טאג טרעף איך אים. "לאמיר טרינקען לחיים," זאג איך אים, "אז איר זענט בייגעשטאנען אזא גרויסן נסיון. זאל דער אויבערשטער העלפן אז דאס יאר זאל זיין מיט א גרויס הצלחה!"

יעצט אז עס איז שוין אריבער דאס שמיטה-יאר, האט אפרים זיך געוואלט נעמען צו דער

פינת צדקת צדיקי הדורות
דינער השנתי ב' נשא הבעל"ט
מיר אלע שטיצן די צדקת צדיקי הדורות
די הייליגע פושקע המסורה לנו מדור דור
באולמי עטרת גאלדא - בארא פארק
עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת על קבר רבי מאיר בעל הנס
עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל חבת ירושלים

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת
הרב החסיד ר' **דוד** בן הגה"ק רבי **יצחק** ז"ל **שטיינער**

ולזכר נשמת
הרב החסיד ר' **יחיאל מיכל** בן הגה"ק רבי **אברהם צבי** ז"ל **אונגער**

ובנו הרה"ח ר' **אהרן ישי** ע"ה - אשר לא השאיר זש"ק ונא ללמוד לזכר נשמתו
יהא זכרם ברוך

**געלט צו פאררעכטן אזא זאך, וואס מען דארף א פארגרעסערונגס-גלאז עס צו זען.**

**יענער האט זיך אבער גע'עקשנ'ט און גע'טענה'ט אז ער וויל עס פאררעכטן, האט דער מעכאניקער געזאגט אז אויב וויל ער עס פאררעכטן, דארף ער ערשט אראפנעמען די טיר און איבערפארבן א גרעסערן טייל פון דער קאר, און עס וועט קאסטן א שיינע פאר דאלער. איז די שאלה, צי דארף איך דאס באצאלן?**

**תשובה:** אויב די איז קאר נישט געווארן ווייניגער ווערד צוליב דעם, ד.ה. אז אויב ווען ער וואלט עס פארקויפט פאר א צווייטן, וואלט מען נישט געדארפט רעכענען דערפאר ווייניגער, דארף ער אים נישט באצאלן.[6]

[אין פאל וואס עס איז נוגע למעשה, זאלן ביידע צוזאמען גיין פרעגן א שאלה פון א מורה הוראה.]

## געטראפן א זעקל חמץ אין אפיס נאך פסח

**שאלה: פארגאנגענעם אסרו חג פסח, בין איך אריין ביי מיר אין אפיס און געטראפן דארט ליגן א זעקל חמץ. איך האב נישט פארקויפט דעם אפיס אין מכירת חמץ. מעג מען דאס עסן?**

**תשובה:** אויב מען האט געמאכט מכירת חמץ, ווערט אלע חמץ וואס מען פארמאגט פארקויפט פאר'ן גוי, נישט קיין חילוק וואו עס ליגט, און מען מעג עס עסן נאך פסח.[7]

אסאך פירן זיך נישט צו עסן קיין חמץ גמור וואס איז פארקויפט געווארן פאר א גוי, אבער נאך שבועות קען מען עס עסן.[8]

## באקן מילכיגע געבעקסן

**שאלה: עס קומט באלד שבועות און מען גרייט אן, ברוך ה', געשמאקע מאכלים אויף יום טוב. צי מעג מען באקן מילכיגע ברויט, קוקיס, א.ד.ג., ווען מען דערקענט נישט דערויף אז עס איז מילכיג?**

**תשובה:** מען טאר נישט באקן קיין מילכיגע ברויט א.ד.ג. אויף מער ווי איין טאג, ד.ה. נישט אויף צו עסן אין די פיר-און-צוואנציג שעה, אויסער אויב מען מאכט א סימן בשעת'ן באקן אויפ'ן געבעקס אליין אז עס מילכיג, צ.ב.ש. מען לייגט ארויף קעז אדער מען שרייבט ארויף מיט קרים א.ד.ג. אז עס איז מילכיג.[9]

אויב מען האט יא געבאקן מילכיגע ברויט (אויף מער ווי איין טאג) און מען האט נישט געמאכט קיין סימן, טאר מען עס נישט עסן וויבאלד מען האט עובר געווען אן איסור מיט'ן עס באקן און עס ווערט גע'אסר'ט.[10]

### מילכיגע קעיקס, קוקיס, קאָפּקעיקס, א.ד.ג.

לגבי באקן מילכיגע קעיקס, קוקיס, קאָפּקעיקס, א.ד.ג., זענען דא פוסקים וואס האלטן אז מען דארף נישט מאכן בשעת'ן

מלאכה אנצוזייען זיין פעלד. די פראבלעם איז אבער געווען, אז ער האט שוין געהאט פארשפעטיגט דעם סעזאן און האט מער נישט געקענט טרעפן קיין זוימען איינצוזייען. אלעס איז שוין געווען אויספארקויפט פאר אנדערע פארמערס וועלכע האבן לײדער נישט געהיטן שמיטה.

אפרים האט פרובירט זיך איינבעטן ביי די תבואה-פארקויפער, אבער דער ענטפער איז געווען אז עס איז מער גארנישט געבליבן קיין זוימען. "די איינציגע זאך וואס איז געבליבן," האט אים געזאגט איינער פון די תבואה-סוחרים, "איז עפעס סעלערי, וואס דאס קען איך דיר ווועקגעבן בחנם און אז דו ווילסט קענסטו דאס איינזייען אין דיין פעלד, ווייל אז נישט וועט עס סיי-ווי גיין אין מיסט אריין."

נישט האבנדיג קיין ברירה, האט אפרים דאס גענומען און אנגעזייט אין זיין פעלד. צו אלעמענ'ס וואונדער, זענען ארויסגעוואקסן ריזיגע סעלעריס איבער'ן גאנצן פעלד, דריי מאל גרעסער ווי זייער געהעריגע מאס, וואס האבן דערגרייכט ביז איבער דער הויכקייט פון די לענדן. ווען מען האט געפרעגט אפרים'ען, "וואס וועסטו טון מיט אזויפיל סעלערי?" איז זיין ענטפער געווען, "זארגט אייך נישט. איך האב געטון מיינס, און דער אויבערשטער וועט טון זיינס."

איך אליין האב אנגעהויבן טראכטן פון דער גרויסער שפע פון סעלערי וואס איז אים אנגעוואקסן אין פעלד. עס איז געווען אזויפיל, אז מען האט געקענט שפייזן דערמיט אלע איינוואוינער פון ארץ ישראל חדשים לאנג... איך האב אבער באשלאסן אז איך לאז עס איבער אין די הענט פונעם רבוש"ע.

איין העלן טאג קלינגט ביי מיר דער טעלעפאן, אפרים וויל וויכטיג אריבערקומען רעדן. אריינקומענדיג, האט ער אנגעהויבן דערציילן אז דער סוחר וואס האט אים אוועקגעגעבן די סעלערי בחנם האט אים אנגערופן און געפרעגט, "זאג, האסט עפעס געטון מיט די סעלערי וואס איך האב דיר געגעבן בחנם?"

"פרעגסט צי איך האב עפעס געטון?" האט ער אים גענטפערט. "יא, איך האב איינגעזייט דערמיט גאנצע פעלדער. איך עס סעלערי, אטעם סעלערי, שלאף מיט סעלערי..." "האסט אסאך דערפון?" פרעגט ער ווייטער. "אסאך," זאגט אים אפרים, "איז אונטערגעשאצט. איך האב מער ווי מען קען ציילן, ווי עס שטייט אין פסוק 'עד שיבלו שפתותיכם מלומר די'..."

"זייער גוט," זאגט דער סוחר. "הער מיר אויס. דער פרייז פון סעלערי אויפ'ן מארק איז א האלבער דאלער, אבער דו קענסט פארקויפן יעדן סעלערי-קעפל פאר'ן דריי דאלער, און אז דו

**1.** דבגדר סמוך לסעודה ישנם כמה שיטות י"א דהוא חצי שעה וי"א שעה קודם הסעודה, ויש שדעתם שתלוי לפי המציאות שצריך להכין, עיין שלחן השבת מלאכת בורר סי' ב' בהערות. וכתבו הפוסקים שבליל פסח שחל בשבת שלא לקלוף הביצים לפני התחלת עריכת הסדר. וגם אם חותך לחתיכות קטנות יש לעשותם סמוך להסעודה משום חשש טוחן כמבואר בסי' שכא. ועיין ביה"ל שיט ס"ה ד"ה חייב. ועי' ספר פרדס יצחק ח"א ע' 701. **2.** כמבואר בביה"ל ד"ה הבורר, ובס' קצות השלחן סי' קכה אות א. **3.** כמבואר בשועה"ר ס"ג שאם נשתייר מבירתו עד לאחר הסעודה שרי כיון שבירר בהיתר ובלבד שלא יערים, ובמ"ב סק"ה שאם כוונתו שישתייר גם לאחר הסעודה או לסעודה אחרת חייב חטאת ורק אם ממילא נשתייר אין בכך כלום כיון שבירר בהיתר. **4.** עי' ערוך השלחן סי' שכא ס"ט ובחיי הלוי ח"ז סי' נ אות כז. **5.** עי' ביה"ל סי' שיט ד"ה הואיל. **6.** דבדרך כלל לענין תשלומי נזיקין יש שני אופני תשלומין אם בדעת הניזק לתקן החפץ צריך המזיק לשלם כפי הסכום שעולה לו דמי התיקון, ואם אין בדעתו לתקנו רק רוצה להחזיק המעות לעצמו וישתמש עם החפץ הניזק כמו שהוא שיימינן כפי מה שהופחת החפץ משווי כשרוצה למוכרו. ועיין בספרנו ממונם של ישראל שער א' סי' ד' בנזקי קאר הרבה פעמים הסכום שנפחת משווי ע"י שמעמידין הקאר למכור באוקשען הוא הרבה יותר מדמי התיקון, אבל באופן זה שלפי ראות עיני המעקעאניק הנזק הוא קטן מאוד, וגם אין נותנין לתקנו מסתבר דפטור ולמעשה ישאל שאלה. **7.** דבהשטרות של מכירת חמץ כתוב שנכלל בהמכירה כל חמץ שיש ברשותו בכל מקום אפי' שלא במקום שמושכר להגוי. **8.** כמבואר בספרים דימי ספירה הם ימים קדושים ומדקדקים ביותר ויש שכתבו דגם בשבועות כן הוא דעד שבועות ולא עד בכלל, עיין ספר מקדש ישראל. **9.** וראה בחוו"ד דהשינוי אין מועיל רק אם שינה קודם האפיה דעדיין לא היה עליו איסור כלל אבל אחר שכבר נאסר לא מועיל לעשות שינוי. ובשו"ת אבן ישראל ח"ט סי' ס"ז דאם בדעתו לדבק סטיקער מיד לאחר האפיה ג"כ שרי וכן בשו"ת שבט הקהתי ח"ה סי' קכח. **10.** כמבואר ביו"ד סי' צ"ז דאין ללוש עיסה בחלב שמא יבוא לאוכלה עם בשר וכן אין לשים עיסה עם שומן בשר אלא אם היה דבר מועט כדי אכילה של ב"א או ששינה צורת הפת שמא יבוא לאוכלה עם חלב ואם לש כל הפת אסורה אפי' לאוכלה לבדה. **11.** בפ"ת ג' בשם תשובות מהרי"ט דבמיני מתיקה שאין הדרך לאכלם עם גבינה מותר ללוש עם שומן דלא חיישינן שמא יאכל לאחריו חלב דאין לך אלא מה שאסרו חז"ל. **12.** אף דמבואר באו"ח סי' א ס"ו דפרשיות הקרבנות לא יאמר אלא ביום דאין הקרבנות קרבים אלא ביום, ובמ"ב דאם אין לו פנאי יכול לאומרם גם בלילה, אבל מסתבר דאין לאומרם בלילה לאחר מעריב, כיון שהוא כבר יום אחר.

מדור זה נתנדב

לזכר נשמת הרבני הנעלה
ר' **שלמה זלמן** ב"ר **אלעזר צבי** ע"ה
יארצייט ביום ער"ח סיון
וזוג' החשובה מרת **אידל** ב"ר **אברהם** ע"ה
יארצייט ביום ח"י אייר ל"ג בעומר

יהא זכרם ברוך

הונצחו ע"י בנם ידידנו הנדיב הנכבד
**מוה"ר יצחק אייזיק ברייער הי"ו**

באקן קיין סימן אויפ'ן געבעקס, וויבאלד מען עסט עס נישט געווענליך אינמיטן א סעודה און מען וועט נישט קומען עס צו עסן מיט פליישיגס[11], אבער להלכה נעמען אן די פוסקים אז מען זאל מאכן א סימן, וויבאלד היינטיגע צייטן עסט מען ביי א סעודה אלעס וואס קומט אונטער דער האנט, און מען קען צוקומען עס צו עסן מיט פליישיגס.

(ווען מען מאכט מילכיגע קאפקעיקס א.ד.ג. וואס מען דערקענט נישט דערויף אז עס איז מילכיג, קען מען טון די עצה עס צו לייגן אין א מילכיגן קאפקעיק-האלטער א.ד.ג. וואס בלייבט צוגעקלעפט דערויף נאכ'ן באקן.)

### די הלכה בדיעבד ביי קעיקס און קוקיס

ביי די סארטן געבעקסן (אנדערש ווי ברויט) קען מען מקיל זיין, אז אויב מען האט נישט געוואוסט די הלכה און מען האט עס געבאקן אָן א סימן, קען מען עס עסן.

### זהירות ביים אוועקפאקן מאכלים

עס איז וויכטיג אנצומערקן בנוגע מאכלים וואס מען פאקט אוועק אין פריזער, צ.ב.ש. בלינצעס, זופ, וואס מען מאכט דערפון אמאל מילכיגס, אמאל פליישיגס און אמאל פארעוו, אז מען זאל אויפשרייבן מיט קלארע ווערטער אויפ'ן זעקל צי עס איז מילכיג, פליישיג, אדער פארעוו, וויבאלד עס מאכן זיך ליידער אפט אסאך מכשולות און הארבע שאלות פון בשר בחלב.

## פיש מיט מילך

**שאלה: ביי אונז אין שטוב סערווירט מען אמאל פיש מיט צעקוועטשטע קארטאפל ביי נאכטמאל. לעצטנס האב איך זיך געכאפט אז מען גיסט אריין מילך אינעם קארטאפל, אדער לייגט מען אריין פוטער. צי איז דא א פראבלעם דאס צו עסן צוזאמען מיט די פיש?**

**תשובה:** רוב פוסקים נעמען אן, אז מען זאל נישט עסן פיש צוזאמען מיט מילך צוליב א סכנה (זע הערה). מען קען אבער עסן די פיש און קארטאפל באזונדער און מען מוז נישט עפעס עסן אדער טרינקען אינצווישן.

פיש מיט פוטער איז נישטא קיין חשש, און מען מעג אויך פרעגלען די פיש אין פוטער.

## משלים זיין צו זאגן קרבנות ביינאכט

**שאלה: אויב מען איז געקומען באונס שפעט צו מנחה און עס איז שוין נישט געווען קיין צייט צו זאגן קרבנות, צי קען מען דאס משלים זיין און זאגן קרבנות נאך מעריב?**

**תשובה:** ווען עס איז שוין נאכט קען מען נישט משלים זיין דאס זאגן קרבנות פון מנחה.[12]

וווילסט קענסטו עס פארקויפן אפילו פאר פיר-פינף דאלער."

"וואס איז געשען?" פרעגט אים אפרים. "אין די לעצטע וואכן," ענטפערט אים דער סוחר מיט באגייסטערונג, "האט זיך אראפגעלאזט איבער אייראפע א שווערע קעלט. אלעס איז פארפרוירן געווארן, מענטשן רירן זיך נישט ארויס פון הויז, יעדער זיצט אינדערהיים. אייראפע איז פשוט פאראליזירט. מען וויל עסןווארעמע זופ, אבער עס איז נישטא קיין סעלערי, ווייל אלעס איז פארפרוירן. עס איז דא יעצט א ריזיגע נאכפראגע אויף דעם פראדוקט. די געשעפטס-אייגנטימער און סופערמארקעט-נעצן אין אייראפע בעטן זיך ממש פאר סעלערי. זיי קענען נישט עסן קיין זופ אן דעם טעם פון סעלערי.

"איך ראט דיר, נעם זיך צוזאמען און זע וויפיל ארבעטערס דו קענסט האבן, און איך וועל פארשאפן א גאנצע פלאטע עראפלאנען צו ליפערן די סחורה איבער גאנץ אייראפע; ענגלאנד, האלאנד, בעלגיע, פראנקרייך, אא"וו."

כאטש עס זענען שוין אריבער פון דעמאלט אסאך, אסאך יארן, ליגט מיר נאך אלץ דאס בילד לעבעדיג פאר די אויגן, ווי הונדערטער ארבעטער פון די דערפער און אידן פון דער געגנט, גרויס און קליין, ארבעטן פלייסיג טאג און נאכט. אלע האבן זיך איינגעשפאנט אין דער מלאכה און געשטאנען און געשניטן די סעלערי-בלעטער פון פעלד. א גאנצע פלאטע מיט לאסט-אויטאס האט געווארט ביים פעלד און געפארן פון דארט גראד צום לופטפעלד מיט דער סחורה וואס איז פון דארט אפגעפירט געווארן מיט די עראפלאנען איבער גאנץ אייראפע.

די געשעעניש איז פארגעקומען ערגעץ פורים-צייט. איך אליין האב דעמאלט געוואלט האבן סעלערי פאר זיך אויף פסח, אבער עס איז נישט געבליבן פאר מיר אפילו איין-איינציג בלעטל!

דער אידישער פארמער, אפרים, איז שטארק נתעשר געווארן פון דער גרויסער הצלחה מיט די סעלערי. די געשיכטע האט ארויסגערופן בשעתו א גרויסן קידוש שם שמים. אפרים האט אויסגערופן צו אלעמען, "זעט, זעט, וואס עס איז דער שכר פון די וואס היטן שמיטה!" פון דעמאלט אן האט ער זיך מחזק געווען און געשטיגן אלץ מער אין שמירת התורה והמצוות, און היינט צו-טאגס איז ער א שיינער תלמיד חכם וועלכער גיט שיעורים - א איד וועלכער האט געשפאנט מיט אנטשלאסנקייט קעגן שטראם און איז אנגעקומען צו הויכע מדריגות אין זכות פון אמונה פשוטה!

**איר קענט אריינשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**
**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**




טויזנטער משפחות לערנען פון
הלכות שבת ביי סעודות שבת הלכה למעשה

**פאר גרעסערע באשטעלונגען**
פאר שבת התוועדות, שבת שבע ברכות, א.ד.ג.
~ גאר ספעציעלע הנחה נתנדב דורך א חשוב'ער נדבן ~
**רופט 845-659-1547**

# בעולם המסחר

## אקטועלע שאלות אין דער ביזנעס-וועלט (ה)

### אויב מ'איז באצאלט געווארן ריבית און יענער איז מוחל

**שאלה: א חבר האט געבארגט מיין קרעדיט-קארטל איינצוקויפן פאר עטליכע טויזנט דאלער, און ער האט מיר באלד מתחלה געזאגט אז ער וועט עס אפצאלן אביסל שפעט און וועט מיר אויך צאלן דעם "אינטערעסט" וואס עס וועט קאסטן. איך האב אים געטרויט און ער האט טאקע באצאלט.**

**יעצט, א חודש שפעטער, בין איך געוואויער געווארן אז איך בין נכשל געווארן ל"ע מיט'ן הארבן איסור ריבית. איך האב אויסגערעכנט וויפיל עס איז דער ריבית און אים געזאגט, "איך גיב דיר צוריק דעם סכום פונעם אינטערעסט וואס דו האסט מיר געצאלט"** (ווי די הלכה איז ביי "ריבית קצוצה", ד.ה. מען האט זיך אויסגענומען בשעת דער הלוואה אז מען וועט באצאלן דעם ריבית, אז אפילו בדיעבד ווען יענער האט שוין געצאלט דעם ריבית דארף מען עס אים צוריקגעבן).

**יענער האט פארשטאנען אז איך דערלייג צוליב דעם, ווייל די קרעדיט-קארד קאמפאני רעכנט מיר דעם אינטערעסט, האט ער מיר געזאגט, "אהובי ידידי, איך בין דיר מוחל בלב שלם דעם גאנצן ריבית וואס איך האב דיר געצאלט, דארפסט מיר גארנישט צוריקגעבן." צי העלפט אזא מחילה, אדער כדי מתקן צו זיין דעם איסור ריבית מוז איך אים יא צוריקגעבן דעם ריבית וואס ער האט מיר געצאלט?**

**תשובה:** די מחילה העלפט[1], וויבאלד מען האט יענעם געזאגט אז מען איז גרייט אים צוריקצוגעבן דעם ריבית (און יענער ווייסט אז עס איז געווען אן איסור ריבית און ער קען עס הלכה'דיג צוריקבעטן), און פונדעסטוועגן איז ער עס מוחל[2], דערפאר דארף מען עס אים נישט צוריקגעבן.[3] (עס איז בעסער לויט געוויסע פוסקים, אז יענער זאל זאגן צום קרעדיט-קארד האלטער, "הריני כאילו התקבלתי", עס איז ביי מיר אזוי ווי איך האב וואלט עס צוריקבאקומען.[4])

עס איז וויכטיג ארויסברענגען, אז די מחילה העלפט נאר בדיעבד, אויב מען האט ח"ו עובר געווען און באצאלט ריבית, אבער אוודאי טאר מען נישט לכתחילה פארבארגן אויף ריבית, אפילו אויב יענער איז גערן מסכים צו געבן דעם ריבית און ער איז עס מוחל למפרע אז מען זאל עס אים נישט דארפן צוריקגעבן[5].

### באצאלן א FOREIGN TRANSACTION FEE

**שאלה: איך בין געפארן קיין אויסלאנד און געבארגט א צווייטנ'ס קרעדיט-קארטל כדי נישט צו דארפן טוישן דארט קיין געלט. די קרעדיט-קארד קאמפאני רעכנט א געלט-אפצאל (Foreign transaction fee) אויף יעדע טראנזאקציע וואס מען מאכט אין דער פרעמד** (וואס איז ביליגער ווי טוישן געלט). **מעג איך דאס צוריקצאלן פאר יענעם, אדער עס איז איסור וויבאלד עס קומט אויס אז איך צאל אים צוריק מער ווי איך האב גענוצט אויפ'ן קארטל?**

**תשובה:** עס איז מותר, וויבאלד דער געלט-אפצאל איז נישט קיין "אינטערעסט", נאר א באצאלונג וואס די קאמפאני רעכנט פאר די הוצאות וואס עס קאסט זיי אויפצוטוישן דאס געלט און עס שיקן צום אנדערן לאנד.

## ויושר יליצו בעדנו

לכבוד מכון הליכות החיים,

עס איז יעצט באקאנט געווארן א מורא'דיגע מעשה (געדרוקט אינעם גליון "באור חיים" - טאהש), וואס לערנט אונז ווי צדיקים אין וועמען מיר זענען מקושר זענען נישט מסיח דעת פון אונז אויבן אין הימל.

די מעשה האט פאסירט מיט רבי ישעי' בלויא, וואס ער האט עס אליין דערציילט, ווי פאלגנד: איך בין געקומען פון ארץ ישראל פאראיארן פאר א געוויסן עסקנות-צוועק קיין קאנאדע, און דא האב איך זיך געטראפן מיט פיל שוועריגקייטן. איך בין געווען זייער צעבראכן, אז עס האט זיך גארנישט אויסגעארבעט מיט אלע מיינע באמיאונגען, אבער איך האב שוין געדארפט אהיימפארן און מער נישט געקענט דא פארבלייבן.

פאר'ן אהיימפארן בין איך געגאנגען צום טאהשער רבי'נס ציון און זיך דארט אויסגעוויינט אויף מאמע-לשון, זאגנדיג, "רבי! זעכצן אדער זיבעצן יאר צוריק, בין איך געווען ביים רבי'ן און באקומען א מטבע פאר שמירה און הצלחה, אבער איך האב דאס ליידער פארלוירן. עס טוט מיר לייד, אבער איך וויל כאטש בעטן אז די ברכה פון שמירה און הצלחה זאל ווייטער חל זיין."

פון דארט בין איך געפארן קיין ניו יארק אפצופליען צוריק קיין ארץ ישראל. זייענדיג אין ניו יארק, איז מיר אדורכגעלאפן א מחשבה אין קאפ, אז עס איז דאך היינט י"ב תמוז, דער יום הצלה פונעם מהריי"ץ פון ליבאוויטש זצ"ל, וועל איך גיין מתפלל זיין ביים ציון. אנקומענדיג, האב איך געטראפן דארט אידן טרינקען לחיים און האב איך זיך צוגעזעצט צו זיי. רופט זיך אן דארט א איד צו מיר, "איר מעגט וויסן, איך האב אייך ליב." "איר קענט דאך מיך אבער נישט?" האט איך אים געפרעגט. "איך קען אייך טאקע נישט," האט ער מיר געזאגט, "אבער דאך האב איך אייך ליב אהבת ישראל. אז איר וועט אריינקוקן אין 'תניא', פרק ל"ב, וועט איר זען וואס ער שרייבט דארט אויף מצות עשה 'ואהבת לרעך כמוך', וועט איר פארשטיין אז עס קען זיין אז איך זאל אייך ליב האבן מיט'ן גאנצן הארץ ווי עס שטייט אין דער תורה, כאטש איך קען אייך נישט..."

זעענדיג ווי איך קוק אים אן פארוואונדערט, פרעגט ער מיר, "פונעם טאהשער רבי'ן ז"ל האט איר געהערט?" "אוודאי," זאג איך אים. "נו," זאגט ער, "איך בין דאקטער לעווין. ווען דער טאהשער רבי האט געוויילט אין פלארידע, בין איך געווען דארט זיין דאקטער, און איך האב באקומען פון אים א פאר מטבעות." אזוי רעדנדיג, עפנט ער זיין בערזל און נעמט ארויס פון דארט א מטבע. "איך גיב אייך דא," זאגט ער מיר, "דעם רבי'נס

[1] שו"ע סימן ק"ס ס"ה. [2] הנה באבנ"ז (סימן קמו אות ה-ט) ומחנ"א (סימן י) דייקו מלשון הרמב"ם (פ"ד ממלוה ולוה הי"ג), דדוקא היכא דידעו שניהם דעבדו איסורא ואמר המלוה להחזיר מועיל מחילת הלוה (ועיין באבנ"ז שם שהקשה על המחבר בשו"ע שסתם דמחילה מועלת, ולא פירש דדוקא באופן הנ"ל מהני (ובמנח"י שם אות ה' הביא דברי האבנ"ז הנ"ל, וכתב דלדעת הרמב"ם צריך להחזיר בפועל ממש, וצ"ע, דלא כתב רק שצריך להתחייב להחזירו, ולא שצריך להחזיר בפועל, וכן מדויק לשון הרמב"ם). [3] ומועיל אפילו לצאת ידי שמים, כמוש"כ בשו"ע הרב (ס"ה), וכן הוכיח במנח"י (ח"ב עט אות א') מכמה וכמה פוסקים, ואולם עי' בהע' הבאה, ועי' בספרנו ממונם של ישראל ח"ב ע' קפה. [4] כ"כ קצת אחרונים, לחוש על הצד שמחילה לא הוי כאומר הרינו כאילו התקבלתי (עיין במנח"י שם). והנה במנחת יצחק שם מצדד דיש לחוש גם לשיטת הגאונים שהביא הרמב"ם שם, הסוברים דלא מועיל מחילה, ודעת הפרישה (שם ס"ח) דאפילו לדעת הרמב"ם, הא דמועיל מחילה, היינו דוקא לפטרו מהתשלומין, אבל איסור רבית שחל עליו משעה שקיבלו מתחילה, לא תיקן במחילתו, ולפי דבריהם לא מועיל מחילה. אך רוב הפוסקים סתמו דמועיל מחילה גם לענין לצאת ידי שמים, וכמו שהביא במנח"י שם, וכנ"ל. ובאופן שהחזיר המלוה ללוה וחזר הלוה ונתנו למלוה כתב בבית דוד (סימן עט דף לח ע"ד מדפי הספר) דמועיל אפילו לדעת הגאונים (ואולם למנח"י הנ"ל בהע' לעיל דסובר דלדעת הרמב"ם צריך המלוה להחזיר להלוה הריבית בפועל, ע"כ דלדעת הגאונים אינו רשאי אפילו להחזיר, וכ"כ דדבריו צ"ע). [5] טור ושו"ע שם.

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

# מכתבים למערכת

## הגליון והפצתו נתנדב

**על ידי ידידנו הנדיב הנכבד שי'**

לזכות רפואתו השלימה והמהירה של **גיטל בת טשארנא** בתוך שאר חולי ישראל

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל וזיכוי הרבים יהיה לזכותה, לרפואה קרובה ברמ"ח איבריה ושס"ה גידיה במהרה

## בורר ביי פרישע קאווע

לכבוד מכון הליכות החיים, ובראשם הרה"ג ר' הערשל שליט"א,

הערנדיג פון אזויפיל אידן וואס לערנען פאָר הלכות שבת-הלכה למעשה אין אייער וואונדערליכן "זמירות שלחן השבת" ביי דער שבת-סעודה, האב איך געטראכט אז עס איז צייט צו זיין פון די "נמנים לדבר מצוה" און זיך אנשליסן אין די פילע טויזנטער אידן, און איך וויל דערציילן א קליינעם עפיזאד:

בשעת איך האב געקויפט דעם ספר אין א ספרים-געשעפט אין בארא פארק, שטייענדיג ביים רעכנער צו באצאלן, פרעגט מיר דארט א איד: "וועלכן ספר קויפסטו?" "זמירות שלחן השבת," זאג איך אים. "וועסט פארלערנען דערין?" פרעגט ער מיר. "אויף דעם קויף איך דאך עס," זאג איך אים, "פארצולערנען. "אויב אזוי," זאגט ער מיר, "וועל איך עס דיר באצאלן."

אויף מיין וואונדער, ערקלערט מיר דער איד: "איך קען ליידער נישט זען אויף די אויגן. הלוואי וואלט איך אליין געקענט פארלערנען, נאר אז איך קען נישט, וויל איך כאטש באצאלן פאר איינעם וואס וועט דאס יא טון." די ווערטער זענען מיר געווען א חיזוק - "ברוך פוקח עורים!" מען דארף דאנקען דעם אויבערשטן אז מען זעט ב"ה און מען קען לערנען און פארלערנען פאר דער משפחה ביים שבת-טיש.

ביי דער געלעגנהייט, וויל איך זיך באציען צו דעם וואס מען האט א צייט צוריק געשריבן אין "הליכות החיים" בנוגע גיסן הייס וואסער פון א כלי שני אויף פרישע קאווע וואס מען האט צעמאלן פאר שבת, אז מען זאל דאס נישט טון ווייל לויט אסאך פוסקים איז דא אן איסור בישול, וויבאלד קאווע-שטויב וואס איז נאך קיינמאל נישט געקאכט געווארן איז אין גדר פון "קלי בישול" (זאכן וואס קאכן זיך אפ שנעל). וויל איך פארשטיין, פארוואס איז נישטא דערביי אויך אן איסור "בורר" (אויסקלויבן), ווען מען לייגט אריין דעם קאווע-שטויב אין א פילטער און מען גיסט ארויף דאס הייסע וואסער און עס זייט זיך אפ און רינט ארויס דורך דעם פילטער-פאפיר (אדער אנדערן פילטער), צי הייסט דאס נישט "בורר בכלי" (אויסקלויבן מיט א כלי - דער פילטער), וואס איז אסור אפילו אויב מען טרינקט עס באלד?

תשובה: עס איז נישטא אין דעם פאל קיין איסור "בורר בכלי" צוליב פארשידענע טעמים (זע הערה), און להלכה זאל מען זיך צוריקהאלטן דערפון, ווי ערקלערט.

(הא דאין משום איסור מלאכת בורר בכלי כשופך מים צלולים בתוך המסנן, של הקאווע ובתוך המסנן מתערב עם הקאווע ושוב יוצא מן המסנן, היא כמו שכתב המשנ"ב סימן שי"ט סקל"ג על הא דמבואר בשלחן ערוך (שם) דמותר ליתן מים צלולים בתוך המסננת שיש בו שמרים, וביאור המשנ"ב בשם הלבוש דהמים הם צלולים קודם נתינתם בתוך המסננת, ואין בהם דבר שצריך לברר מהם. רצ"ל דיסוד מלאכת בורר היא לתקן דבר שהיא מעורב, והכא קודם נתינת המים המים אינם מעורבים רק צלולים, ואע"ג דכשנותן המים לתוך המסננת מתערבים עם השמרים ושוב יוצאין בלי תערובת, אין זו נעשה על ידי אדם רק זה נעשה מאליו דמתערבים ושוב יוצאים בלי תערובת, ומאחר שבשעת פעולת האדם אין כאן תערובת, מה שנעשה אחר כך מאליו אין בזה איסור ברירה.)

בכבו"ר ובהוקרה רבה על העבודה הנפלאה להגדיל תורה ולהאדירה,

ה. ש., בארא פארק

## מודעה משמחת פאר חתנים און כלות:




צוליב די פילע אנפראגעס במשך די פארגאנגענע וואכן וועגן דעם נייעם ספר "ימי מלכות", ווען עס וועט זיין צו באקומען, ווילן מיר מודיע זיין אז דער ספר וועט האפנטליך אריינגיין אין דרוק נאך פאר שבועות.

די וואס האבן חתונה נאך יום טוב און ווילן האבן דעם ספר קענען אריינרופן צו דער מערכת, און מיר וועלן זיי בעז"ה צושטעלן א קאפיע פונעם ספר, אז זיי זאלן זיך קענען גרייטן מיט דער פאסיגער הכנה און א קלארקייט אין די הלכות און ענינים - פונעם שבת-אויפרוף ביז נאך די ימי המשתה - און צוגיין מיט א רואיגקייט און פרייליכקייט צו דער געהויבענער צייט ביום חתונתם וביום שמחת לבם.

דער זכות פון לימוד הלכה און קיום מצוות פון **זעכציג טויזנט אידן** בליעה"ר איז אייערס.
מנדב צו זיין דעם קומענדיגן "הליכות החיים" פון יו"ט שבועות אדער א מדור אינעם גליון, רופט: 845-659-1547

א מטבע פאר ברכה און שמירה. ווייסט איר פארוואס? ווייל איך האב אייך באמת ליב!"

איך בין געווען אזוי איבערראשט - דערציילט רבי ישעי' - אז כ'האב געמיינט איך חלש אוועק אויפ'ן ארט. דא קום איך יעצט פון ציון אין טאהש. איך האב זיך אויסגעוויינט דארט און געזאגט אז כ'האב פארלוירן די מטבע פון רבי'ן און כ'וויל כאטש בלייבן מיט שמירה און הצלחה, און דא שיקט מען מיר צו א מטבע פון רבי'ן אן דעם וואס כ'זאל אפילו דארפן בעטן.

פאר גרויס התרגשות האב איך פשוט נישט געעפנט דאס מויל, און אפילו קיין "יישר כוח" האב איך נישט געזאגט. נאך עטליכע מינוט, ווען איך בין געקומען אביסל צו זיך, האב איך געוואלט זוכן דעם דאקטער, אבער איך האב אים נישט געקענט געפינען. איך האב זיך נאכגעפרעגט ביי מענטשן, צי מען ווייסט פון א "דאקטער לעווין" וואס האט באהאנדלט דעם טאהשער רבי'ן אין פלארידע. מען האט מיר געגעבן די פרטים און געהאלפן שאפן זיין טעלעפאן-נומער. ווען איך האב אים גערופן, איז ער שוין געווען שוין אויפ'ן וועג אהיים. ערשט שפעטער, זייענדיג שוין צוריק אין מיאמי, האט ער אויפגעהויבן דעם טעלעפאן.

"פארוואס האט איר מיר געטון אזא זאך, געגעבן א מטבע פונעם טאהשער רבי'ן?" האב איך אים געפרעגט. "איז עס אפשר ווייל איר קענט מיך יא פון ערגעץ, נאר איך געדענק דאס פשוט נישט ביים מאמענט?" "ניין," זאגט מיר דער דאקטער. "עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך האב אייך יעצט באגעגנט, און איר מעגט וויסן אז איך האלט די מטבעות פונעם טאהשער רבי'ן זייער הייליג, און איך האב דאס ביז היינט נאך פאר קיינעם אנדערש נישט געגעבן, נאר ווען איך האב אייך געזען דארט ביים ציון, האט דאס הארץ מיר עפעס אונטערגעזאגט אז איך דארף אייך געבן א מטבע פונעם טאהשער רבי'ן וואס איך האב ביי מיר."

זאלן די צדיקים קדושי עליון זיין פאר אונז מליצי יושר אויבן אין הימל און מיר זאלן געבענטשט ווערן אין זייער זכות מיט רפואות ישועות, שמירה והצלחה, מיט אלעם גוטן.

*

**מיטצוטיילן מעשיות להנאת אלפי הקוראים, ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

*

**לז"נ מוה"ר שמואל דוד ב"ר צבי פינחס הכהן ע"ה**
**ומוה"ר ישכר בער ב"ר טובי' גדלי' ע"ה**

לא השאירו אחריהם זש"ק
ונא ללמוד לעילוי נשמתם

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170